NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12791

A MONTSHIK MEYDELE

Rivke Galin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY





NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org




ריווקע גאַלין

א מאַנטשיק מיידעלע

13/4 37

,,קינדער-פריינד", וואַרשע



א מתנה אין נאמען פון

מנחם ברוך חײם פיטמאן

ארכיון

ריווקע גאַלין



קינדער! נאָך אַ קרענק, וועלכע האָט געדויערט גאַנצע 27 יאָר, איז דעם 8־טן אויגוסט 1935 געשטאָרבן ריווקע גאַלין. איר לערנט אירע לידער אין די שולן, איר דעקלאַמירט זיי, איר מאַכט פון זיי שפּילן, — די לידער האָט זי געשריבן, קינדער, בלויז פאַר אייך. און איך ווייס, אז איר ווילט וויסן, ווער איז ריווקע גאַלין, וועל איך אייך טאַקע וועגן איר דערציילן.

ריווקעלע איז געבוירן געוואָרן מיט 45 יאָר צוריק אין אַ – קליין שטעטל אין פוילן, לעכעוויטש. איר מאַמע האָט זייער ליב געהאַט לידער זיי מיט אירע קינדער געלערנט אין געזונגען.

נאָך נישט לאַנג איז איר באַשערט געווען צו זײַן מיט אי־רע קינדער. די מאַמע איז געשטאָרבן זייער אַ יונגע, איבערלאָזנ־דיק פינף קליינע קינדער. די עלטסטע פון אַלעמען איז געווען ריווקעלע – 10 יאָר אַלט. זי האָט זיך גענומען לערנען און טאַקע זייער גוט געלערנט. אין דער פרײַער צײַט האָט זי אַסאַך גע־לייענט. אין יענער צײַט האָט דער פאָטער אירער נאָך אַמאָל כאַסענע געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ווען זי איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, האָט זי געקריגן אַ בריוו פון איר פאָ־טער, אַז זי מיט אירע צוויי ברידערלעך זאָלן קומען קיין אַמערי־קע. אַסאַך צאָרעס האָט זי געהאַט אין וועג. זי איז געווען קליינ־שטעטלדיק, אין לעבן נישט דערפאַרן, און דאָ האָט זי געפילט די פאַ־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר אירע צוויי ברידערלעך. אויפן צוועלפטן טאָג זענען זיי געקומען קיין אַמעריקע, ווו עס האָבן זיי באַגעגנט זייערע אַלע פרײַנד. די ברידערלעך זענען אַוועק אין שול און ריווקע–אין שאַפּ אַרבעטן: נייען בלוזעס.

נאָך אַ פאָר יאָר פון אָנגעשטרענגטן לעבן איז זי קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן איר געהייסן פאַרלאָזן ניו־יאָרק זי קומט אין דענווער, קאָלאָראַדאָ. דאָרט שטודירט זי ערנסט די ענגלישע און יידישע פּאָעזיע און הייבט אָן באַהאַלטענערהייט אַליין צו שרײַבן יידישע לידער. דערנאָך פאָרט זי אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. אַ שוואַכע און אַ קראַנקע מוז זי ווי־דער, אין קאַליפאָרניע, אָנקומען אין שאַפּ אַרבעטן. דאָ האָט זי כאַסענע און אין 1917 פאָרט זי מיט איר מאַן אויף אַ רײַזע אַרום דער וועלט. פאַרבײַגעפאָרן די האַוואַיען־אינדזלען, דורכגעפאָרן יאַפּאַן און זיך אָפּגעשטעלט אין כינע אויף פיר יאָר, ווײַל צוליב דער וועלט־מילכאָמע און דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט זי נישט געקאָנט ווײַטער פאָרן. אין כאַרבין איז זי געוואָרן אַ יידי־שע לערערין און געשריבן לידער און סצענקעס פאַר די קינדער. און פון דאַן אָן האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט קינדער־לידער.

איר דאַרפט וויסן, קינדער, אַז ריווקע האָט אַלעמאָל שטאַרק געליבט קינדער. דער גרעסטער פאַרגעניגן אירער איז געווען צו פאַרברענגען מיט קינדער און שפּילן זיך מיט זיי. זײַטיקע פלעגן זיך אָפט וווּנדערן זעענדיק, ווי ערנסט זי פאַרברענגט מיט קינ־דער, און די קינדער האָבן זי הייס ליב באַקומען.

אין כאַבבין האָט זי געבוירן אַ מיידעלע, וועלכער זי האָט אַ נאָמען געגעבן טײַבעלע. טײַבעלע איז פאַר איר געוואָרן אַלץ אין דער וועלט. ווען טײַבעלע איז אַלט געוואָרן דרײַ יאָר, מאַכט די פאַמיליע פון דרײַ איצט ווידער אַ רײַזע איבער אַסאַך לענדער און פאָרט קיין ניו־יאָרק. און ריווקע שרײַבט אַ סאַך לי־דער וועגן די קינדער פון דער וועלט. אָבער נישט מער ווי צוויי יאָר האָט טײַבעלע געלעבט אין אַמעריקע: צו זעקס און אַ האַלב יאָר איז זי געשטאָרבן.

עס איז אײַך שווער איבערצוגעבן, טײַערע קינדער, ווי שווער דער אומגליק האָט געטראָפן די מוטער. זי איז ערנסט קראַנק געוואָרן און שוין מער נישט געקומען צו זיך. ליגנדיק אין בעט און קוקנדיק דעם טויט אין פּאָנעם אַרײַן, פלעגט זי דיכטן פאַר קינדער... איר גאַנצע ליבע האָט זי אין אירע לידער אַרײַנגעגעבן.

און זי האָט אַ סאַך קינדער־לידער פון זיך אויסגעזונגען. אין אַלעמען זענען אירע קינדער־לידער געפעלן געוואָרן, אָבער מער פון אַלעמען די קינדער אַליין.

יאָ, קינדער, פאַר די לעצטע 10 יאָר פון איר לעבן איז זי זעלטן אַראָפּ פון בעט, און נאָך זעלטענער אַרויס אין גאַס. און אין די צײַטן פון די גרעסטע ליידן, האָט זי די בעסטע אירע לידער געשאַפן, און אַלע־פרײלעכע, מונטערע.

אַ גרויסע פרייד איז בײַ איר געווען. ווען עס איז אַרויס איר בוך קינדער־לידער, וועלכן זי האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך איר טעכטערל, „טײַבעלע", פונוואַנען מיר דרוקן טאַקע איבער די לידער פון דעם ביכל.

און זי האָט פאַר אײַך, יידישע קינדער, איבערגעלאָזן די בעסטע אין טײַערסטע ירושה — אירע לידער. זיי וועלן שטענ־דיק זײַן באַליבט בײַ אײַך, ווײַל זי האָט איר לעבן, איר ליבע, איר האַרץ, אינגאַנצן אַוועקגעגעבן צו באַזינגען דאָס יידישע קינד. און איך באַדויער אויך שטאַרק, יידישע קינדער וואָס איר האָט אזא טײַערן פרײַנד אײַערן פאַרלוירן...

אַ מאַנטשיק מיידעלע

אַזאַ מאַנטשיק מיידעלע
טאָר נישט זיצן שפעט.
זי דאַרף זאָגן: „מאַמעלע,
איך וויל גיין אין בעט".

און אַז מאַנטשיק מיידעלע
שלאָפן גייט אַליין —
וואַקסט זי ווי אַ ביימעלע,
אַזוי הויך און שיין.

נאָר אַז מאַנטשיק מיידעלע
זאָגט: איך וויל נישט, ניין!
וואַקסט זי ווי אַ קירבעסל,
קיילעכדיק און קליין.

טוק—טוק

טוק — טוק — טוק —
ווער קלאַפּט אין מיין טיר?
ס׳קלאַפּט אַ בלאָנדע מיידעלע
אין דער מאַמעס טיר.
„בלאָנדז׳ע, בלאָנדע מיידעלע,
וואָס האָסטו געבראַכט?"
האָט זי זיך ווי זילבערנע
גלעקעלעך צעלאַכט.
„פון די זאַנגען גאָלדענע
איז מיין קעפּל געלער,
פון די פרילינגס ליכטיקע
בין איך צאַרטער, העלער.
פון די קאָרנבלימעלעך
מיינע אויגן בלויער.
ברענג איך זיסע פרייד אַ סאַך,
טרייב איך זאָרג און טרויער.
מיינע קליינע פיסעלעך
טאַנצן אויס אַ מייסע —
פון די טעג די ליכטיקע,
פון די נעכט די ווייסע.
כ׳האָב אַ בלאָנדן אויצערל
מאַמעלען געבראַכט".
האָט זי זיך ווי זילבערנע
גלעקעלעך צעלאַכט.

אַ פינגערל

מיין מאַמע האָט אַ פינגערל
אַ גאָלדענעם געבראַכט,
מיט שטיינדעלעך, וואָס שימערן,
ווי פּייערלעך ביינאַכט.

מיין מאַמע לאָזט נישט אָנטון אים,
זי זאָגט: זי האָט נישט האָלד.
זי זאָגט, אַז קלאָרע הענטעלעך
איז שענער נאָך פון גאָלד.

זי זאָגט: אַזעלכע פינגערלעך
איז טראָגן גאָרנישט שיין
פאַר אַ גוטער מיידעלע,
וואָס איז נאָך אַזוי קליין.

מיר ווילט זיך זייער טראָגן אים
און איך האָב גרויס פאַרדראָס,
נאָר מיין מאַמע זאָגט אַלץ ניין און ניין —
פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס.

אַ קעצעלע

כ'האָב אַ ליבע קעצעלע,
ווייס איז זי ווי שניי,
מיט שיינע גרינע אייגעלעך —
ווי פּייער בליצן זיי.


באַדאַרפֿט איר זען מיין קעצעלע,
מיטן צינגל ווי זי לעקט,
מיטן פּיצל נעזעלע
ווי זי זוכט און שמעקט.

איך עפֿן נאָר די אייגעלעך —
זי שטייט שוין ביי מיין טיר,
זי שאָקלט מיטן קעפּעלע:
גוטמאָרגן זאָגט זי מיר.

איך ליב אַזוי מיין קעצעלע,
מיר שפּילן נאָר ביינאַנד.
זי טרינקט נאָר פֿון מיין טעצעלע,
זי עסט נאָר פֿון מיין האַנט.

דאָס קראַנקע קינד

כ׳וויל נישט מער קיין מייסעלעך
און קיין צאַצקעס דאָ,
כ׳וויל נישט מער קיין מעדיצין
נעמען אַלע שאָ.
כ׳קען נישט ליגן מער אין בעט,
קוקן אויף די ווענט.
נעם מיך, מאַמעלע, אַרויס,
נעם מיך אויף די הענט.
הייב מיך אויף און דעק מיך איין
און צום פענצטער קום.
וועל איך זען, ווי שוועלבעלעך
פליען הויך אַרום.
וועל איך זען, ווי הינדעלעך
לויפן נאָך דער הון,
און ווי גרינע גרעזעלעך
ציען זיך צו זון.
אויף אַ קליינער ווײַלינקע
מאַך דאָס פענצטער אויף,
וועל איך זען, ווי קינדערלעך
שפּילן זיך אין הויף.
וועט מיר עפּשער מאָרגן שוין
גאָרנישט מער טון וויי,
וועל איך קענען אומלויפן,
שפּילן זיך מיט זיי.



רעגן

רעגן, רעגן, וואַש מיך אויס!
וועל איך וואַקסן
הויך און גרויס.
קום, קום, רעגן, קום!
וואַש מיך, ווי דו
וואַשסט אַ בלום.
גיס, גיס, רעגן, גיס!
פּאַטש אין פּאָנעם,
אין די פיס.
פּאַטש, פּאַטש, נעץ מיך איין!
שטאַרקער, שטאַרקער,
איי, ס'איז פיין!
זון, זון, גיב אַ שיין!
פלעכט זיך אין די
צווייגן איין.
זון, זון, פלעכט זיך איין
אין מיין בלאָנדן
צאָפּ אַריין!

ווי אמאָל

אַמאָל בין איך אַ וואַסער־קוואַל,
וואָס פּליסט זיך שטיל פאַרטראַכט.
אַמאָל בין איך אַ זונענשטראַל,
וואָס שטיפט אַרום און לאַכט.

אַמאָל בין איך אַ קעצעלע —
אַי ווייך, אַי צאַרט, אַי מילד.
אַמאָל בין איך אַ טיגערל —
אַי שטורעמדיק, אַי ווילד.

עס ווענדט זיך ווי, עס ווענדט זיך ווען,
עס ווענדט זיך אין געמיט.
נאָר זיין אַ לייט מיט לייטן גלייך —
אָט דאָס נאָר קען איך ניט.



מאַמע איז אַוועקגעפאָרן

מאַמע איז אַוועקגעפאָרן,
איך האָב נישט געוויינט:
זי וועט באַלד צוריק קומען,
האָב איך דאַן געמיינט.

און זי וועט מיר אָנברענגען
צאַצקעלעך אַ סאַך,
ווייל זי האָט מיר צוגעזאָגט
גאָר אַ גוטע זאַך.

נעכטן איז געווען מאָרגן,
איצט איז ווידער נאַכט.
ווו איז איצטער מאַמעלע?
ליג איך אַליין און טראַכט.

היינט איז איבערמאָרגן שוין —
זי איז אַלץ נישטאָ.
קוק איך אויפן זייגערל
צייל איך יעדע שאָ.

קוק איך זיך אין פענצטער איין
און איך לויף צום טיר —
מאַמעלע, ווי אומעטיק
עס איז מיר אָן דיר...

איך וויל זיין

איך וויל זיין אַ לערערין,
נישט קיין אַנדער זאַך —
וועל איך האָבן קינדערלעך
קליינינקע אַ סאַך

אין קאָלירטע קליידעלעך —
פאַרבן אַלערליי.
ווי אַ גאָרטן בלימעלעך
וועל איך היטן זיי.

ווי די זומער־פייגעלעך
פלאַטערן אַרום,
וועל איך מיט די קינדערלעך
אומגיין אומעטום.

יעדער וועט זיך אָפּשטעלן,
נאָכקוקן פאַרטראַכט,
שמייכלען און באַוווּנדערן:
אַך, ווי שיין — אַ פּראַכט!

שיידים

מאַמע, זאָג: איז טאַקע דאָ
אויף אַן עמעס שיידים?
זענען זיי אין הימל דאָ,
אָדער אויפן בוידעם?

לאַכט די מאַמע, קושט מיך שטאַרק
און זי זאָגט, אַז — ניין.
אויב עס איז נאָך דאָ אַ שעד —
בין איך דאָס אַליין.

טאָמער פרעג איך נאָך עפּעס —
בין איך שוין אַ קלעק.
כאַפּ איך אָן דאָס קעצעלע,
שלעפּ עס פאַר אַן עק.

איבער טיש און איבער בענק
יאָג איך זין גאַלאָפּ —
איך קער איבער אַלץ אין שטוב
מיטן קאָפּ אַראָפּ.

טרובע ווי אַ פייערמאַן,
מעקע ווי אַ קו.
נאָכדעם קריי איך ווי אַ האָן:
קוקע—רי—קו—קו!



טשינג־טשאַנג־טשו

טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, ווו
זענען די כינעזעלעך
מיט די קורצע נעזעלעך?

טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, ווו
ייִנגלעך טראָגן קליידעלעך,
הויזן טראָגן מיידעלעך?

טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, ווו
אויף געגאָלטע קעפּעלעך,
באָמבלען לאַנגע צעפּעלעך?

טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, ווו
שיינע מאַנדל־אייגעלעך,
קוקן זיך ווי פייגעלעך?

טשינג־טשאַנג־טשו,
ווער ווייסט, ווו?

די מאמע רופט

די זון פאַרגייט, די מאַמע רופט —
די מאַמע רופט מיך שלאָפן,
איך וואָלט געקענט אַ גאַנצע נאַכט
די אויגן האַלטן אָפן.

עס איז דאָ שטיל אַזוי און גוט —
איך וואָלט דאָ בלייבן גערן
און טראַכטן זיך, און כאָלעמען,
און קוקן אויף די שטערן.

נאָר מאַמע רופט און איך מוז גיין —
עס ווערט שוין קיל און שפעט;
עס וואַרט אויף מיר דער מאַמעס קוש
און ס'אויסגעבעטע בעט.

יעדן אָוונט

יעדן אָוונט, ווען די זון פֿאַרגייט,
עפֿנט זיך אַ טויער שטילערהייט —
עמעץ קומט אַרויס מיט ווייכע טריט
זינגענדיק אַ שטילע אָוונט־ליד.

ס'מוז געוויס אַ גרויסע מאַמע זיין,
נעמט זי גאָר די וועלט אין שויס אַריין;
פֿייגעלעך און ווערעמלעך און מיך
קושט זי און זי גלעט און דריקט צו זיך.

גרויסע בערג און ביימער דעקט זי צו
מיט אַ בלויען שלייער, ליוליע־ליו...
ליולינקע אין אויער רוימט זי יעדן איין,
ווען זי נעמט די גאַנצע וועלט אין שויס אַריין

„A MONCZYK MAJDELE"

Druk. „RENOMA", Warszawa

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 30 גר. № 9. 10 PAŹDZIERNIKA 1935

„Kinder-Frajnd"

DWUTYGODNIK Wydanie B

Adres redakcji i administracji: Warszawa 1, Miła 33 m. 24.

„קינדער-פריינד"

[illegible]

ביבליאטעק א ◎ א. רייזען

„פון צווי היימען"

ביבליאטעק ב ◎ ס. ראזאנאוו

„געזעלעס פאסירונגען"

ערשטע העפט

צוליב פראפאגאנדע [illegible] גראשן א בוך

[illegible]

מאקסים גארקי — דאנקא

אפאטאשו — בלוט און פייער

אבאנאמענט־באדינגונגען:

א חודש

ביבל. „א" 60 גראשן

„ „ב" 35 גראשן

א־ב צוזאמען 90 גר.

[illegible]

„א" 2.25 גילדן

„ב" 1.50 „

א־ב צוזאמען 3.30 ג.

[illegible]

„א" [illegible] סענט

„ב" [illegible] סענט

א־ב צוזאמען 1.20 ד.

[illegible]

פראספעקטן אומזיסט

אדרעס פאר געלט [illegible] | Przekaz Rozrachunkowy [illegible] „Kinder Frajnd", Warszawa. Kartoteka 662

Kinder Frajnd, Warszawa, Miła 33 m. [illegible]